שמואל ראָזשאַנסקי
טעגלעכער קאָלומניסט פון „די יידישע צייטונג"
•
רעדאַקטאָר פון „מוסטערװערק
פון דער יידישער ליטעראַטור"
•
פּראָפ' פון לערער־סעמינאַר

בוענאָס=איירעס, 5טער אַפּריל 1966

דוד ראָסקעס
בראַנדײַס=אוניװערסיטעט
<u>װעלטהעם, מאַס.</u>

ליבער יונגער פרײַנד מײַנער!

געװאָלט מײַן קאָלום צושיקן
אײַך אַהיים, צו די עלטערן, אין מאָנטרעאָל, װעלכע כ'האָב
אָבער נישט געטראָפן, פונקט װי אײַער שװעסטער, צו װעלכע
כ'האָב טעלעפאָנירט, װען כ'בין געװען אין אײַער הײמשטאָט.

אָבער דרײַ נאָך מײַן קאָלום
(אין „די אידישע צײַטונג" פון 31סטן מאַרץ) איז דער
שינען (אין „די פּרעסע" פון 3טן אַפּריל) אײַער „אָפענער
בריװ צו דער אַרגענטינער ײִדישער יוגנט". שיק איך אײַך
אין בראַנדײַס־אוניװערסיטעט מײַן קאָלום „דער יוגנט און
זײַן אָפּקלאַנג".

איר זײַט גענוג סענסיטיװ
צו דערשפּירן, אַז די קאָנפערענץ פון „יוגנטרוף" איז
פאַר מיר געװען נישט דאָס, װאָס כ'האָב דערװאַרט.

כ'װיל זיך אײַנרײדן — אפשר,
װען איר װאָלט זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, אַז „עס קען עפּעס
אונדז געבן" אַ „גרוס" פון דעם אַרגענטינער גאַסט — קען
זײַן, אַז מ'װאָלט אָװעקגעפירט װײניקסטנס אַ האַלבע שעה די
פאַרזאַמלונג אויף דעם ריכטיקערן װעג...

קהלװאַניע איז נישט דער
עיקר, װאָס יונגע חובבי ײִדיש דאַרפן טאָן, און אפילו
נישט — —

לאָמיר בײַ דעם זיך אָפּשטעלן
און אײַך זאָגן, אַז פאַר מיר איז דער נאָמען ראָסקעס אַ
ליכטיקער נאָמען אין אונדזער ײִדישװעלט און כ'פאַרבינד
אים אויך מיט אײַערע טוענישן און זוכענישן.

כ'מײן אויך, אַז אויב עס
ריכטיק, קײן אײן יוגנטלעכער אין אַרגענטינע האָט זיך
נישט אָפּגערופן אויפן „יוגנטרוף", װאָלט נישט געשאַדט
צו זאָגן (נישט אָנרופנדיק קײן נעמען, חלילה, אָבער לשם
אַרגענטינער ײדישװעלט), אַז „יוגנטרוף" האָט אין אַרגענ־
טינער עפנטלעכקײט געפונען פּראָפּאָרציאָנעל נישט װײני־
קער אָפּרוף װי אין נאָרד־אַמעריקע.

לערנט זיך פון אַ טאַטן װאָס
גיט אַ פּאַטש און גיט באַלד אַ קוש, און פאַרקערט... נישט
קײן מאָדערנער טאַטע, אָבער — אַ טאַטע!

SAMUEL ROLLANSKY
~~VELASCO 26~~ Corrientes 2135
T. E. 54 - 8990
BUENOS AIRES

גריסט אַלעמען האַרציק
פון אײַער —

נ"ב — אפשר קענט איר עפּעס טאָן פאַר מוסטערװערק צװישן יוגנט?